**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................6:36
מוצאי יו"ט......................8:02
**שיעורים כסדרן**
נ"ך.................מלכים-ב' ט'-י'
בבלי........................מנחות מ"ה
ירושלמי.................ברכות נ"א
תוספתא...........מנחות פרק ד'
רמב"ם.......................כלאים ח'

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

חג הסוכות, שנת תשע"ט לפ"ק | שנה 8, גליון 2 (362)


## דִי כַּוָונוֹת פוּן דִי נַעֲנוּעִים

מִיט דִי ד' מִינִים שָׁאקְלְט מֶען אוֹיף אַלֶע זֶעקְס זַייטְן, דֶער אַרִ"י הַקָדוֹשׁ בְּרֶענְגְט (פְּרִי עֵץ חַיִים שַׁעַר הַלוּלָב פ"ג.) גְרוֹיסֶע כַּוָונוֹת אוֹיף דִי נַעֲנוּעִים, מֶען קֶען אָבֶער זָאגְן אוֹיךְ בְּפַּשְׁטוּת דִי כַּוָונוֹת פוּן דִי נַעֲנוּעִים, לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען נֶעמֶען פוּן דֶעם גְרוֹיס חִיזוּק אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן.

### מִזְרָח מַעֲרִיב

מֶען שָׁאקְלְט אוֹיף פָארְנְט אוּן אוֹיף אוּנְטְן, דָאס וַוייזְט אוֹיף צְוֵויי מִינֵי מַצָבִים אִין וָואס אַ מֶענְטְשׁ גֶעפִינְט זִיךְ, אַמָאל גֵייט אִים אַלֶעס גוּט, עֶר פִילְט אַ גֶעשְׁמַאק אִין לֶעבְּן, אַ טַעַם אִין דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן אַמָאל גֵייט אַלֶעס פַארְקֶערְט, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעפִיל אִין קַיין שׁוּם זַאךְ, אַלֶעס גֵייט פַארְקֶערְט וִוי מֶען ווִיל.

דֶערְפַאר שָׁאקְלְט מֶען פוּן פָארְנְט אוּן פוּן אוּנְטְן, סֵיי וֶוען עֶס גֵייט גוּט אוּן סֵיי וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט גוּט, זָאל מֶען ווִיסְן אַז אַלֶעס אִיז נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר צוּ אִים זָאל מֶען גֵיין, אוּן נָאר עֶר קֶען הֶעלְפְן.

### דָרוֹם צָפוֹן

מֶען שָׁאקְלְט רֶעכְטְס אוּן לִינְקְס, דָאס מֵיינְט רוּחְנִיוּת אוּן גַשְׁמִיוּת, דָאס הֵייסְט אַז מֶען ווִיל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן סֵיי מִיט רוּחְנִיוּת צוּ דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן טוּן מִצְוֹת, אוּן סֵיי מִיט גַשְׁמִיוּת צוּ עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען אוּן טוּן אַלֶע בַּאדֶערְפֶענִישְׁן, אוֹיךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דִי הֲלָכָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן.

וַוייל עֶס גֵייט נִישְׁט אֵיינְס אָן דֶעם אַנְדֶערְן, אוֹיבּ ווִיל מֶען נָאר רוּחְנִיוּת אָן גַשְׁמִיוּת וֶועט עֶס צוּפַאלְן אוּן עֶס וֶועט זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן, אוּן דִי זֶעלְבֶּע פַארְקֶערְט, מֶען קֶען נִישְׁט הָאבְּן גַשְׁמִיוּת אָן רוּחְנִיוּת, דֶער בֶּעסְטֶער וֶועג אִיז וֶוען מֶען שְׁטֶעלְט בֵּיידֶע צוּזַאמ, מֶען דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ מִיט דִי גַשְׁמִיוּת.

### מַעֲלָה מַטָה

מֶען שָׁאקְלְט אוֹיף אַרוֹיף אוּן אוֹיף אַרָאפּ, סֵיי וֶוען מֶען אִיז אוֹיבְּן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף מֶען ווִיסְן אַז מֶען קֶען גֵיין נָאךְ הֶעכֶער. אוּן סֵיי וֶוען מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן, מֶען הָאט גֶעטוּן עֲבֵירוֹת דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאכְאַלְ'ץ דָא מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ו').

דָאס זֶענֶען דִי כַּוָונוֹת אִינְזִין צוּ הָאבְּן בְּשַׁעַתְ'ן שָׁאקְלֶען לוּלָב, אַז וִוי אַזוֹי מֶען דְרֵייט נָאר מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים, אוּן מֶען קֶען זִיךְ אַלֶעמָאל וֶוענְדְן צוּ אִים. אוּן דֶערְפַאר אִיז טַאקֶע מְסוּגָל בְּשַׁעַתְ'ן שָׁאקְלֶען דֶעם לוּלָב צוּ בֶּעטְן דֶעמָאלְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף, אוּן גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַלֶעם גוּטְס בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת.

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה

דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה אִיז גָאר אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע מִצְוָה, מֶער פוּן אַנְדֶערֶע מִצְוֹת. אַ אִיד גֵייט אַרַיין אִין דִי סוּכָּה מִיט זַיין גַאנְצֶען גוּף, מִיט אַלֶע קְלֵיידֶער אוּן מִיט דִי שִׁיךְ, מְ'עֶסְט אוּן מְ'טְרִינְקְט אִין דִי סוּכָּה, מְ'שְׁלָאפְט אִין דִי סוּכָּה, אוּן דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען אַ חֵלֶק פוּן דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה, דִי אַלֶע זַאכְן הָאבְּן דִי קְדוּשָׁה פוּן דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה.

וֶוען אַ אִיד זִיצְט אִין דִי סוּכָּה אִיז עֶר אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן אַלֶע זַייטְן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין אִין דִי סוּכָּה. יֶעדֶעס מָאל מְ'גֵייט אַרַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה, מְ'עֶסְט אִין דִי סוּכָּה, מְ'שְׁלָאפְט אִין דִי סוּכָּה, הָאט מֶען נָאךְ אַ מִצְוָה, וִוי אִיז נָאךְ דָא אַ גֶעשְׁמַאקֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם?

וֶוען אַ אִיד וֵוייסְט אַז וֶוען עֶר זִיצְט אִין דִי סוּכָּה,
<<<<<<

## א גוט ווארט

מוֹהֲרָא"שׁ פְּלֶעגְט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג מַזְהִיר זַיין:

**"רֶענְט קוּמְט פַאר אַלֶעס"**, נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ מֶען זָאל נִישְׁט צָאלְן רֶענְט; רֶענְט קוּמְט פַאר עֶסְן, רֶענְט קוּמְט פַאר קְלֵיידֶער, אַלֶעס קֶען מֶען זִיךְ שַׁאפְן, אָבֶער אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט צָאלְן קַיין רֶענְט וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן קַיין דִירָה.

אַז מֶען צָאלְט נִישְׁט קַיין רֶענְט אִיז מֶען אַ פָּשׁוּטְ'עֶר גַנָב, עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט אוֹיף דֶעם קַיין תִּקוּנִים מִיט קַיין עֲבוֹדוֹת וְכוּ' וְכוּ', וַוייל אַז מֶען אִיז שׁוּלְדִיג גֶעלְט פַאר אַ צְוֵוייטְן אוּן מֶען צָאלְט נִישְׁט אִיז מֶען אַ רָשָׁע, אַזוֹי זָאגְט דָוִד הַמֶלֶךְ (תְּהִילִים לז, כא): "לֹוֶה רָשָׁע וְלֹא יְשַׁלֵם", אַ רָשָׁע בְּלַייבְּט שׁוּלְדִיג פַאר אַ צְוֵוייטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אָנְגֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא) מִיר זָאלְן נִישְׁט לֶעבְּן וִוי אַ הֶפְקֶר יוּנְג, "כִּי יְכוֹלִים לִהְיוֹת אִישׁ כָּשֵׁר בְּלִי הֶפְקֵרוּת", מֶען קֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אָן קַיין הֶפְקֵרוּת.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֵירוּבִין סה:): "בִּשְׁלֹשָׁה דְּבָרִים אָדָם נִיכָּר בְּכוֹסוֹ וּבְכִיסוֹ וּבְכַעֲסוֹ", מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען אַ מֶענְטְשׁ צִי עֶר אִיז עֶרְלִיךְ דוּרְךְ דְרֵיי זַאכְן, אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן אִיז וִוי עֶרְלִיךְ עֶר אִיז בַּיים הַאנְדְלֶען מִיט מֶענְטְשְׁן; אַסַאךְ מָאל קֶען מֶען זֶען מֶענְטְשְׁן וָואס זֶעעֶן אוֹיס זֵייעֶר גוּט אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, דַארְף מֶען אָבֶער ווִיסְן אַז דָארְט קֶען מֶען נָאךְ נִישְׁט זֶען דֶעם אֱמֶת, וֶוען מֶען זֶעט וִוי אַזוֹי עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף בְּדִינֵי מָמוֹנוֹת, עֶר גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף יֶענֶעמְ'ס גֶעלְט וְכוּ', דֶעמָאלְט אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת, אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן מו): **"מִי שֶׁרוֹצֶה לָשׁוּב, יִזָּהֵר מִלִּהְיוֹת בַּעַל חוֹב"**, וֶוער עֶס ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן, זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ זַיין קַיין בַּעַל חוֹב, דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ זַיין שׁוּלְדִיג קַיין אֵיין פְּרוּטָה פַאר אַ צְוֵוייטְן; בִּפְרַט יֶעצְט וֶוען מִיר שְׁטֵייעֶן מִמָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים אִין טֶעג פוּן תְּשׁוּבָה דַארְף מֶען קוֹדֶם פַארְרֶעכְטְן אוּן בַּאצָאלְן וָואס מֶען קוּמְט פַאר אַ צְוֵוייטְן, בִּפְרַט פַארְן לֶענְדְלָארְד וְכוּ'.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' הַאֲזִינוּ תשע"ט)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## פַארְוָואס שְׁרַייבְּט מוֹהֲרָא״שׁ אַזֶעלְכֶע שַׁארְפֶע בְּרִיוו אִין ״אֲשֶׁר בַּנַּחַל״?



### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אִין אַ בְּרִיוו אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ ״אֲשֶׁר בַּנַּחַל״ וואוּ מוֹהֲרָא״שׁ שְׁרַייבְּט דָארְט זֵייעֶר שַׁארְף פַאר אַ פְּרוֹי אַז אִיר מַאן הָאט זִיכֶער נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם אוֹיבּ עֶר דַאוֶוענְט בִּיְחִידוּת. עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוֹן דָאס צוּ לֵיינֶען, וַוייל אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ אוֹיךְ מִיט דֶעם, אוּן אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אַז מֶען אִיז נִישְׁט קַיין יְרֵא שָׁמַיִם אוֹיבּ דַאוֶוענְט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מְ׳דַאוֶוענְט הָאט מֶען דָאךְ יִרְאַת שָׁמַיִם?

קֶען זַיין אַז מוֹהֲרָא״שׁ אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גְרוֹיס אַז לְגַבֵּי אִים הֵייסְט דָאס אַז מְ׳הָאט נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם אוֹיבּ דַאוֶוענְט מֶען נִישְׁט מִיט מִנְיָן, אָבֶער וִוי אַזוֹי קֶען מֶען שְׁרַייבְּן אַזוֹי שַׁארְף, אוּן לְכָבוֹד דֶעם צוּנֶעמֶען דֶעם טִיטְל יְרֵא שָׁמַיִם פוּן אַ פָּשׁוּטְן מֶענְטְשׁ?

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיר דָאס קֶענֶען עֶרְקְלֶערְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ, מֹשֶׁה

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, ז׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מֹשֶׁה נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא״שׁ שְׁרַייבְּט (שׁו״ת בְּרֶסְלֶב חֵלֶק א, מִכְתָּב ד) פַאר אַ פְרוֹי וָואס פְרֶעגְט אַ שְׁאֵלָה: ״בַּעֲלִי הוּא יְרֵא שָׁמַיִם וְלוֹמֵד בַּכּוֹלֵל, אֲבָל יֵשׁ לוֹ דָבָר שֶׁמַּפְרִיעַ לִי שֶׁהוּא אוֹהֵב לִישׁוֹן, וְכָל יוֹם הוּא מִתְעוֹרֵר בְּשָׁעָה 10:00 אוֹ 11:00, וְאָז הוּא מַנִּיחַ תְּפִילִין וּמִתְפַּלֵּל בְּבַיִת, וְאַחַר כַּךְ הוֹלֵךְ לַכּוֹלֵל״, מַיין מַאן אִיז יְרֵא שָׁמַיִם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶער עֶר הָאט זֵייעֶר לִיבּ צוּ שְׁלָאפְן; עֶר שְׁטֵייט אוֹיף צֶען אַזֵייגֶער, דֶעמָאלְט לֵייגְט עֶר תְּפִילִין אוּן דַאוֶוענְט אִין שְׁטוּבּ בִּיְחִידוּת, דָאס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר, אוּן זִי פְרֶעגְט וָואס זִי זָאל טוּן.

עֶנְטְפֶערְט אִיר מוֹהֲרָא״שׁ: ״צַר לִי לְהוֹדִיעַ לָךְ שֶׁאַתְּ כּוֹתֶבֶת שֶׁבַּעְלֵךְ הוּא יְרֵא שָׁמַיִם וְכוּ׳, אִם זֶה הָיָה נָכוֹן הוּא לֹא הָיָה מִתְפַּלֵּל בִּיְחִידוּת בְּבַיִת וְכוּ׳״, עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי דִיר צוּ זָאגְן אַז דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אוֹיף דַיין מַאן אַז עֶר אִיז אַ ״יְרֵא שָׁמַיִם״, אוֹיבּ וָואלְט עֶר גֶעוֶוען אַ ׳יְרֵא שָׁמַיִם׳ וָואלְט עֶר דֶען גֶעדַאוֶוענְט אִין שְׁטוּבּ בִּיְחִידוּת?!

דוּ פְרֶעגְסְט הַיְתָּכֵן צוּ שְׁרַייבְּן אַזַא שַׁארְפֶע בְּרִיוו וְכוּ׳; עֶס זֶעט אוֹיס וִוי דוּ הָאסְט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיי דִי עֶרְשְׁטֶע שׁוּרָה, לֵיין דֶעם גַאנְצְן תְּשׁוּבָה וֶועסְטוּ זֶען דִי רַחֲמָנוּת וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוֹיף זֵיי. פוּן אֵיין זַייט בְּרֶענְגְט מוֹהֲרָא״שׁ אַרוֹיס דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא״שׁ שְׁרַייבְּט: ״כִּי אִי אֶפְשָׁר לְתָאֵר וּלְשַׁעֵר אֶת מַעֲלַת הַמִּתְפַּלֵּל אֶת הַשָּׁלֹשׁ תְּפִלּוֹת בְּמִנְיָן דַּיְקָא, כִּי אָז הוּא עֵת רָצוֹן גָּדוֹל בַּשָּׁמַיִם״, מִיר קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דַאוֶוענֶען דַוְקָא מִיט מִנְיָן, ״כְּמַאֲמָרָם זַ״ל (בְּרָכוֹת ח.): מַאי דִּכְתִיב (תְּהִלִּים סט, יד): ״וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ ה׳ עֵת רָצוֹן״, אֵימָתַי עֵת רָצוֹן? בְּשָׁעָה שֶׁהַצִּבּוּר מִתְפַּלְּלִין; אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן, וֶוען אִיז דֶער עֵת רָצוֹן וָואס דֶעמָאלְט וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען אַלֶע תְּפִילּוֹת? בִּשְׁעַת וֶוען דֶער צִיבּוּר דַאוֶוענְט, ״וְכֵן עַל יְדֵי שֶׁמִּתְפַּלְּלִים בְּמִנְיָן נִמְשָׁךְ עָלָיו הַשְׁגָּחָה שְׁלֵימָה״, וֶוען מֶען דַאוֶוענְט מִיט מִנְיָן צִיט מֶען אַרוֹיף אוֹיף זִיךְ דִי הַשְׁגָּחָה, ״כְּמַאֲמָרָם זַ״ל (בְּרָכוֹת ו:): כָּל הָרָגִיל לָבֹא לְבֵית הַכְּנֶסֶת וְלֹא בָּא יוֹם אֶחָד הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְשָׁאֵיל בּוֹ״, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאוֶוענְט יֶעדְן טָאג מִיט מִנְיָן אוּן אֵיין טָאג פַארְפֶעלְט עֶר צוּ קוּמֶען אִין שׁוּל פְרֶעגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער
<<<<<<

>>>>>>
זִיצְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָארְט מִיט אִים, וֶועט עֶר זִיכֶער אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט זִיךְ דוּרְךְ צוּ רֶעדְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָה כ״ו, כ׳) ״לֵךְ עַמִּי בֹּא בַחֲדָרֶיךָ וּסְגֹר דְּלָתְךָ בַּעֲדֶךָ, חֲבִי כִמְעַט רֶגַע עַד יַעֲבָר זָעַם״, וֶוען אַ אִיד זִיצְט אִין דִי סוּכָּה אִיז עֶר אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין אַ צִימֶער מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, יֶעדֶעס וָוארְט וָואס עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי סוּכָּה וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן אָנְגֶענוּמֶען, אוּן מְ׳קֶען דָארְט פוֹעֶלְ׳ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען בְּרוֹיךְ.

אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ שְׁטֵייט (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן תרל״ט, סְעִיף ד׳) אַז מְ׳קֶען דַאוֶוענֶען אִינֶעוֵוייניג אִין דִי סוּכָּה אָדֶער אִינְדְרוֹיסְן פוּן דִי סוּכָּה, וִוי אַזוֹי מֶען וִויל, דִי פּוֹסְקִים זָאגְן דָארְט (מָגֵן אַבְרָהָם, סְעִיף קָטָן י״ד) אַז אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ קֶען דַאוֶוענֶען רוּאִיג אִין דִי סוּכָּה זָאל עֶר דַאוֶוענֶען דָארְט, אוֹיבּ אָבֶער אִיז דָא אַ שׁוּל אִין שְׁטָאט זָאל עֶר גֵיין דַאוֶוענֶען אִין שׁוּל. דָאס אִיז אַבִּיסְל שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, וֶועלְכֶע שְׁטָאט הָאט דֶען נִישְׁט קַיין שׁוּל? אוּן פַארְוָואס זָאל מֶען עֶנְדֶערְשׁ דַאוֶוענֶען אִין דִי סוּכָּה אוֹיבּ אִיז דָארְט דָא רוּאִיגְקֵייט? נָאר דֶער תֵּירוּץ אִיז אַז בֵּיידֶע זֶענֶען אֱמֶת, דִי גֶעהֶערִיגֶע תְּפִלּוֹת, שַׁחֲרִית מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, דַארְף מֶען זִיכֶער גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶער צוּ דִי אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת, דָאס וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז יֶעדֶער אִיד זָאל רֶעדְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, דָאס אִיז יָא זֵייעֶר גוּט צוּ טוּן אִין דִי סוּכָּה. וִוי אִיז נָאךְ דָא אַ גְרֶעסֶערֶע רוּאִיגְקֵייט פוּן דֶעם אַז אַ אִיד וֵוייסְט אוּן שְׁפִּירְט אַז עֶר זִיצְט מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין אִין אַ שְׁטוּבּ, דָאס עֶפְּנְט דָאךְ אוֹיף דָאס הַאַרְץ, דָאס בְּרֶענְגְט דָאךְ אַ רוּאִיגְקֵייט אוֹיף דִי גֶעוִויסְן, אוּן דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִיצְנְדִיג אִין דִי סוּכָּה.

סְפֶּעצִיעֶל אִיז דִי סוּכָּה אַ גוּטֶע פְּלַאץ פַאר אַ בָּחוּר צוּ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ שִׁידוּךְ. חֲזַ״ל זָאגְן (עֲרָכִין ג׳:) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (וַיִּקְרָא כ״ג, מ״ב) ״בַּסֻּכֹּת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים״, תֵּשְׁבוּ כְּעֵין תָּדוּרוּ מַה דִּירָה אִישׁ וְאִשְׁתּוֹ אַף סוּכָּה אִישׁ וְאִשְׁתּוֹ; אַז מְ׳זָאל זִיצְן אִין דִי סוּכָּה מִיט דִי וַוייבּ. דֶערְפַאר, וֶוען אַ בָּחוּר זֶעצְט זִיךְ אַרַיין אִין דִי סוּכָּה קֶען עֶר הָאבְּן אַ גוּטֶע טַעֲנָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט אַז מְ׳זָאל זִיצְן אִין דִי סוּכָּה מִיט דִי וַוייבּ, אִיךְ בִּין דָא אִין דִי סוּכָּה, אִיךְ הָאבּ גֶעטוֹן מַיין חֵלֶק, יֶעצְט דַארְפְסְטוּ מִיר צוּשְׁטֶעלְן אַ וַוייבּ, אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה בִּשְׁלֵימוּת.

נָאךְ מֶער זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן מ״ח) אַז דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה אִיז מְסוּגָּל פַאר קִינְדֶער, קוּמְט אוֹיס אַז פַאר אַ בָּחוּר דַארְף דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז עֶר זָאל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ אוּן קֶענֶען הָאבְּן קִינְדֶער. דֶערְפַאר אִיז אִין דִי סוּכָּה דִי בֶּעסְטֶע פְּלַאץ פַאר אַ בָּחוּר אוֹיסְצוּבֶּעטְן אַ שִׁידוּךְ.

לָאמִיר אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט וֶוען מִיר זִיצְן אִין דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה, אוּן דָארְט אִיבֶּערְלָאזְן אוּנְזֶער גַאנְצֶער פֶּעקְל צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען. מֶענְטְשְׁן לַיידְן לֵיידֶער אַסַאךְ שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן יִסוּרִים, יֶעדֶער הָאט זִיךְ זַיין אֵייגְנַארְטִיגֶע פֶּעקְל צָרוֹת וָואס עֶר שְׁלֶעפְּט מִיט זִיךְ אוּן קֶען נִישְׁט פָּטוּר וֶוערְן דֶערְפוּן, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה וִוי אַזוֹי זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּן אַלֶע צָרוֹת אִיז נָאר דוּרְכְ׳ן עֶס אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. שְׁטִילֶערְהֵייט, וֶוען קֵיינֶער הֶערְט נִישְׁט, זָאל עֶר זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער, וִוי שְׁטַארְק עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ אִין לֶעבְּן אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן. אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט וֶוען גֶעטְרָאפְן אַן אֱמֶתְ׳עֶר נָאנְטֶער חַבֵר אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעוֵויינְט פַאר אִים אוּן אִים דֶערְצֵיילְט אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער, עֶר וָואלְט אִים דֶערְצֵיילְט אַלֶע אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ. דִי זֶעלְבֶּע, אוּן נָאךְ פִיל מֶער, דַארְף מֶען טוּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל פַאר מֶענְטְשְׁן שֶׁעמְט מֶען זִיךְ נָאךְ צוּ דֶערְצֵיילְן מַמָּשׁ אַלֶע דֶעטַאלְן, נִישְׁט אַלֶעס קֶען מֶען זִיךְ עֶרְלוֹיבְּן אוֹיסְצוּזָאגְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ וֶוען יֶענֶער אִיז גָאר אַ נָאנְטֶער חַבֵר. פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען אָבֶער יָא אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט אוּן וַוארְט צוּ הֶערְן יֶעדֶעס וָוארְט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אִים, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט יֶעדְן מֶענְטְשׁ וָואס קוּמְט צוּ אִים אוּן בֶּעט אִים זַיין הִילְף. אוּן דָאס קֶען יֶעדֶער אִיד טוּן, סַיי וֶוען אוּן סַיי וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ נָאר, וֶוען מְ׳זִיצְט אָבֶער אִין דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה אִיז מֶען נָאךְ מֶער נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען אַ אִיד נוּצְט אוֹיס דִי גֶעלֶעגְנְהֵייט אוּן רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין גַאנְצֶע הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי סוּכָּה, דַאן קֶען עֶר זוֹכֶה זַיין אַז וֶוען עֶר וֶועט זִיךְ גֶעזֶעגְעֶנֶען פוּן דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה נָאךְ יוֹם טוֹב, זָאל עֶר אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זִיךְ אוֹיךְ גֶעזֶעגְעֶנֶען פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, עֶר זָאל שׁוֹין הָאבְּן נָאר אַ גְלִיקְלִיךְ אוּן פְרֵיילִיךְ לֶעבְּן פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער.

## שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי סוּכָּה

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע הֲכָנָה צוּם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב, אוּן דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען טוּן. רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִ״ע אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי נָתָן זִ״ע, עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ בַּאדִינֶען רֶבִּי נָתָן, אֵיינְמָאל עֶרֶב סוּכּוֹת הָאט עֶר גֶעבּוֹיעֶט דִי סוּכָּה פַאר רֶבִּי נָתָן, אוּן בַּיינַאכְט וֶוען עֶר אִיז גֶעזֶעסְן אִין דִי סוּכָּה מִיט רֶבִּי נָתָן הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, ״וֶוען מֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ אָפּ אַ גַאנְצְן טָאג צוּ בּוֹיעֶן דִי סוּכָּה, דַאן שְׁפִּירְט מֶען גָאר אַן אַנְדֶערְן טַעַם אִין דִי סוּכָּה...״, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן אוֹיף דֶעם גֶעזָאגְט, ״דָאס הָאסְטוּ נָאכְנִישְׁט פְּרוּבִּירְט, צוּ בֶּעטְן אַ גַאנְצְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ׳בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי סוּכָּה׳, וָואסֶערֶע טַעַם מְ׳שְׁפִּירְט נָאכְדֶעם אִין דִי סוּכָּה...״

וֶוען עֶס קוּמְט פַאר אַ יוֹם טוֹב, פַאר אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע מִצְוָה, אָדֶער פַאר סַיי וֶועלְכֶע סְפֶּעצִיעֶלֶע צַייט, אַ אִיד וִויל זִיךְ צוּגְרֵייטְן צוּם יוֹם טוֹב, עֶר וִויל זִיךְ גְרֵייטְן צוּ דִי מִצְוָה, אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אוּן וִוי אַזוֹי דָאס צוּ טוּן, דַארְף מֶען וִויסְן אַז דֶער עִיקָר אִיז צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מְ׳זָאל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דֶעם יוֹם טוֹב אוּן אִין דִי מִצְוָה, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער יוֹם טוֹב זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין מִיט אַ גֶעשְׁמַאק אוּן פְרֵיילִיכְקֵייט, מְ׳זָאל טוּן אַלֶעס וָואס מְ׳דַארְף צוּ טוּן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מְ׳זָאל אַרוֹיסְבַּאקוּמֶען פוּן דֶעם יוֹם טוֹב דָאס בֶּעסְטֶע אוּן דִי שֶׁענְסְטֶע.

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אַזוֹי וִוי מְ׳רֶעדְט זִיךְ דוּרְךְ מִיט אַ נָאנְטֶער חַבֵר. יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מְ׳רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַאכְט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע רַעַשׁ אִין הִימְל, אוּן דָאס עֶפְּנְט אוֹיף אַלֶע טִירְן אוּן טוֹיעֶרְן פַארְ׳ן מֶענְטְשׁ.

# עַל נְטִילַת לוּלָב

אִין יָאר תק"ע, פַּאר דֶעם יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ בַּאקוּמֶען אֶתְרוֹגִים אִין דִי גֶעגְנְט וואוּ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעווּאוֹינְט, עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען אַז עֶס וֶועט שׁוֹין בִּכְלַל נִישְׁט זַיין קַיין אֶתְרוֹגִים אוֹיף סוּכּוֹת, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען קַיין אֶתְרוֹגִים אִינֶעם גַאנְצְן לַאנְד. בִּיז מַמָּשׁ עֶרֶב סוּכּוֹת הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְּן אַז עֶס זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען בְּדֶרֶךְ נֵס גֶעצֵיילְטֶע אֶתְרוֹגִים צוּ עֶטְלִיכֶע שְׁטֶעט, אוּן מֶען הָאט גֶעצָאלְט פַאר דֶעם גָאר אַסַאךְ גֶעלְט. אוֹיךְ צוּ דִי שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַן אֶתְרוֹג, גָאר אַ שֵׁיינֶעם אֶתְרוֹג, צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ פוּן דֶעם אֶתְרוֹג, עֶר הָאט גֶעהֵייסְן אַז מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען מוּזִיק אוּן שְׁפִּילְן, פַאר גְרוֹיס פְרֵייד אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען אַן אֶתְרוֹג. דְרֵיי טֶעג הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהַאט גָאר גְרוֹיס חִיּוּת פוּן דֶעם אֶתְרוֹג, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט דִי שְׁוֶוערֶע קְרֶענְק וָואס עֶר הָאט דֶעמָאלְט גֶעהַאט, פוּן דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט פוּנֶעם אֶתְרוֹג.

אוֹיךְ נָאךְ סוּכּוֹת הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט אַסַאךְ פוּנֶעם אֶתְרוֹג, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען וֵוייסְט גָארְנִישְׁט דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן אֶתְרוֹג, אָבֶער אַזוֹיפִיל קֶען מֶען זֶען אַז אִידְן לָאזְן זִיךְ קָאסְטְן גְרוֹיסֶע גֶעלְטֶער צוּ קוֹיפְן אַן אֶתְרוֹג, מֶער וִויפִיל מֶען צָאלְט פַאר אַנְדֶערֶע מִצְוֹת. אוּן דִי אִידְן זֶענֶען דָאךְ קְלוּג, עֶס אִיז שְׁוֶוער זֵיי צוּ פַארְנַארְן, אוּן דֶערְפַאר אוֹיבּ זֶעט מֶען אַז זֵיי צָאלְן אַזוֹיפִיל גֶעלְט פַאר דִי מִצְוָה, אִיז אַ סִימָן אַז דָאס אִיז גָאר אַ טֵייעֶרֶע מִצְוָה וָואס מֶען קֶען גָארְנִישְׁט אָפְּשַׁאצְן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קכ"ה).

אַ אִיד קֶען טְרַאכְטְן צוּ זִיךְ, "וָואס אִיז שׁוֹין אִינְטֶערֶעסַאנְט מַיין אֶתְרוֹג בֶּענְטְשְׁן? וֶוער דַארְף עֶס? וָואס אִיז עֶס שׁוֹין וֶוערְד?", דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶער אַז מִיר קֶענֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד וָואס שָׁאקֶלְט לוּלָב, זָאל עֶר זַיין דֶער פָּשׁוּט'סְטֶער אִיד, זָאל עֶר הָאבְּן גֶעטוּן אוּן זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט סַיי וָואס אוּן וִוי אַזוֹי, וֶוען עֶר נֶעמְט אָבֶער אִין דִי הֶענְט דִי ד' מִינִים, עֶר מַאכְט אַ בְּרָכָה אוּן עֶר שָׁאקֶלְט, דַאן שָׁאקֶלְט עֶר מִיט דֶעם אַלֶע וֶועלְטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקי"ד) "וֶוען אַ אִיד מַאכְט אַזוֹי מִיט דִי הַאנְט, וֶוערְט אַזוֹי אִין אַלֶע וֶועלְטְן, אוּן וֶוען אַ אִיד מַאכְט אַזוֹי מִיט דִי הַאנְט, וֶוערְט אַזוֹי אִין אַלֶע וֶועלְטְן", סַיי וִוי אַזוֹי אַ אִיד זָאל נָאר אוֹיסְזֶען, וֶוען עֶר אִיז מְקַיֵּים דִי מִצְוָה פוּן שָׁאקְלֶען לוּלָב, פָּשׁוּט אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, טוּט עֶר אוֹיף מִיט דֶעם גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶערֶעדְט אִיבֶּער מַצָּה אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "אַז מֶען הַאלְט דִי מַצָּה אִין דִי הַאנְט, הַאלְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי הַאנְט", אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי אַלֶע מִצְוֹת, וֶוען מֶען הַאלְט דִי לוּלָב אוּן אֶתְרוֹג אִין דִי הַאנְט, הַאלְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי הַאנְט, אוּן דַאן אִיז דִי רִיכְטִיגֶע עֵת רָצוֹן וֶוען מֶען קֶען זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען וִויל הָאבְּן.

דֶער אֶתְרוֹג אִיז מְרַמֵּז אוֹיפְ'ן הַארְץ (וַיִּקְרָא רַבָּה, פַּרְשָׁה ל', סִימָן י"ד), קֶען מֶען דַאן זָאגְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער, דָא הַאלְט אִיךְ מַיין הַארְץ אִין מַיין הַאנְט, אִיךְ גֶעבּ עֶס אִיבֶּער אִינְגַאנְצְן פַאר דִיר, רֵיינִיג מִיר אוֹיס מַיין הַארְץ אוּן הֶעלְף מִיר אַז פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער זָאל מַיין הַארְץ נָאר טְרַאכְטְן פוּן דִיר, מַיין הַארְץ זָאל נָאר לֶעבְּן מִיט דִיר".

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, רְפוּאָה חֵלֶק ב', סִימָן ד') אַז צוּ קוּקְן אוֹיפְ'ן אֶתְרוֹג אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אוֹיגְן וֵוייטָאג. דֶערְפַאר פִירְט מֶען זִיךְ צוּ קוּקְן אַסַאךְ אוֹיפְ'ן אֶתְרוֹג, וָואס דָאס הֵיילְט אוֹיס דִי אוֹיגְן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת, אוֹיבּ אֵיינֶעם טוּט וֵויי דִי אוֹיגְן זָאל עֶר קוּקְן אוֹיפְ'ן אֶתְרוֹג אוּן עֶס וֶועט זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן; אוּן סַיי בְּרוּחֲנִיּוּת, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן, עֶר מוּז קוּקְן אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, זָאל עֶר קוּקְן אוֹיפְ'ן אֶתְרוֹג, אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן אַ רְפוּאָה. מִיט דִי אֶתְרוֹג אִין הַאנְט אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מְ'זָאל שׁוֹין הָאבְּן אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה אוֹיף דִי אוֹיגְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קכ"ח) אוֹיף דֶעם וָואס חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן (יוֹמָא ס"ט:) אַז וֶוען מְ'הָאט גֶעכַאפְּט אוּן גֶע'הַרְגְ'ט דֶעם יֵצֶר הָרַע פוּן עֲבוֹדָה זָרָה, הָאט מֶען דֶעמָאלְט אוֹיךְ גֶעכַאפְּט דֶעם יֵצֶר הָרַע פוּן דִי עֲבֵירָה פוּן נִאוּף, מֶען הָאט אִים אָבֶער נִישְׁט אִינְגַאנְצְן גֶע'הַרְגְ'ט, מֶען הָאט אִים נָאר בְּלִינְד גֶעמַאכְט. זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַז דֶערְפַאר זֶעט מֶען בַּיי מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי ווִילְן זַיין עֶרְלִיךְ, זֵיי קוּקְן אַרָאפּ אוּן הַאלְטְן זִיךְ צוּרִיק פוּן צוּ קוּקְן אוֹיף וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט קוּקְן, אָבֶער לְמַעֲשֶׂה גַנְבְ'עֶנֶען זֵיי אַרוֹיס דִי אוֹיגְן אוּן כַאפְּן יָא אַ שְׁטִיקֶל בְּלִיק פוּן דִי זַייט.

לֵיידֶער זֶענֶען מִיר אַלֶע גֶעכַאפְּט אִין דֶעם, אִין דִי הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע נִסָּיוֹן דָאס זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן, אוּן וֶוען אַ אִיד הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן, עֶר קוּקְט שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, בְּרֶענְגְט דָאס אִים נָאכְדֶעם צוּ פִילֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען. דֶער יֵצֶר הָרַע וֵוייסְט אַז אֵיינְמָאל עֶר אִיז מַכְשִׁיל דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ קוּקְן שְׁמוּץ, הָאט עֶר שׁוֹין גֶע'הַרְגְ'ט דֶעם מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן. מִיט דֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט אָן קוּקְן שְׁמוּץ, פַאלְט עֶר נָאכְדֶעם דוּרְךְ אִין נָאךְ הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת פוּן נִאוּף רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן דָאס גֵייט נָאךְ וַוייטֶער אַז דֶער מֹחַ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ וֶוערְט אִינְגַאנְצְן פַארְדְרֵייט, עֶר הוֹיבְּט אָן צוּ הָאבְּן קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיין גַאנְצֶער לֶעבְּן וֶוערְט אִים דֶערְבִּיטֶערְט, אוּן עֶר פַארְלִירְט מַמָּשׁ זַיין חֵשֶׁק צוּ לֶעבְּן.

דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה פַאר אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז נָאר תְּפִלָּה, צוּ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דֶעם זוּמְפּ אוּן אָפְּלָאזְן דִי אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן. אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס מֵיינְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, מִיט דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶר אִיז אוֹיפְגֶעוָואקְסְן, וָואס דָאס אִיז דָאס מֶערְסְטֶע נָאנְט צוּ זַיין הַארְץ אוּן מִיט דֶעם קֶען עֶר דִי בֶּעסְטֶע אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען זַיינֶע אֱמֶת'ע גֶעפִילְן פוּן הַארְץ. דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "הִתְבּוֹדְדוּת", אַז אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין גַאנְצֶע הַארְץ אוּן דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ, יֶעדְן טָאג נָאכַאמָאל אוּן נָאכַאמָאל.

סְפֶּעצִיעֶל וֶוען מְ'הַאלְט דֶעם אֶתְרוֹג אִין הַאנְט, קֶען מֶען דֶעמָאלְט נָאךְ מֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן אוּן אַ רֵיינֶע הַארְץ, חֲזַ"ל דְרִיקְן זִיךְ אוֹיס אוֹיף דִי ד' מִינִים (סוּכָּה ל"ח.) אַז דָאס אִיז וִוי אַ פַּייל אִין דִי "אוֹיגְן" פוּנֶעם שָׂטָן, דֶער עִיקָר וֶועג וִוי אַזוֹי דֶער שָׂטָן כַאפְּט אַרַיין אַ מֶענְטְשׁ אִיז דָאךְ מִיט דִי אוֹיגְן, אוּן דִי ד' מִינִים אִיז מְסוּגָּל אוֹיף דֶעם, אוֹיסְצוּשְׁטֶעכְן דִי אוֹיגְן פוּנֶעם שָׂטָן, עֶר זָאל מֶער נִישְׁט קֶענֶען מַכְשִׁיל זַיין דִי אוֹיגְן פוּנֶעם אִיד.

דֶער אֶתְרוֹג דַארְף מֶען אָבֶער הַאלְטְן צוּזַאמֶען מִיטְ'ן לוּלָב, וַוייל כְּדַאי צוּ רֵיינִיגְן דָאס הַארְץ דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ צַדִּיק, דֶער לוּלָב אִיז מְרַמֵּז אוֹיף אַ צַדִּיק אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים צ"ב, י"ג) "צַדִּיק כַּתָּמָר יִפְרָח", אַז אַ אִיד ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, עֶר ווִיל הָאבְּן אַן עֶרְלִיךְ הַארְץ, דַארְף עֶר זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן צוּם צַדִּיק. דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תר"ה) דִי מִשְׁנָה (אָבוֹת ב', י"ג), וְאַל תְּהִי רָשָׁע "בִּפְנֵי עַצְמְךָ", אֲפִילוּ וֶוען דוּ בִּיזְט אַ רָשָׁע, זָאלְסְטוּ נִישְׁט זַיין "אַלֵיין", זָאלְסְט גֵיין צוּ אַ צַדִּיק, אוּן דַאן וֶועסְטוּ וֶוערְן אוֹיס רָשָׁע. אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַ רָשָׁע, עֶר וֵוייסְט אַז עֶר אִיז וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. פוּן דֶעסְט וֶועגְן זָאל עֶר זִיךְ אָבֶער דְרֵייעֶן צְווִישְׁן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוּן סוֹף כָּל סוֹף וֶועט זִיךְ אִין אִים אוֹיךְ עֶפֶּעס אָנְקְלֶעבְּן, אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶערְפַאר אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן וְ'טַהֵר לִ'בֵּנוּ לְ'עָבְדְךָ בֶּ'אֱמֶת - 'לוּלָב'; אוֹיבּ מֶען ווִיל רֵיינִיגְן דָאס הַארְץ, דַארְף מֶען גֵיין צוּם צַדִּיק, וָואס עֶר לֶערְנְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

>>>>>>

אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ פַארְוָואס עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען אִין שׁוּל; מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז מַקְפִּיד צוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן דַּיְקָא, אִיז וֶוען עֶר קֶען נִישְׁט קוּמֶען וַוייל עֶפֶּעס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים פְרֶעגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף אִים פַארְוָואס עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְּט אִים עֶר זָאל וַוייטֶער קֶענֶען קוּמֶען, עֶר נֶעמְט אַוֶועק פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ דֶער פְּרָאבְּלֶעם, "הֲרֵי שֶׁמִּשְׁתַּלֵּם לְהִתְפַּלֵּל בְּמִנְיָן, שֶׁעַל יְדֵי זֶה מַמְשִׁיךְ עַל עַצְמוֹ הַשְׁגָּחָה עֶלְיוֹנָה", זֶעט מֶען אַז עֶס אִיז וֶוערְד צוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן כְּדֵי צוּ צִיעֶן אוֹיף זִיךְ דִי הַשְׁגָּחָה.

מוֹהֲרַא"שׁ שְׁרַייבְּט אִיר וַוייטֶער: "עֵצָה לָקוּם מֻקְדָּם, הוּא לָלֶכֶת לִישׁוֹן מֻקְדָּם", דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה אוֹיפְצוּשְׁטֵיין פְרִי אִיז זִיךְ צוּ לֵייגְן פְרִי, "כִּי בְּדֶרֶךְ כְּלַל הַס"מ מְסַבֵּב עִם כָּל אֶחָד בַּלַּיְלָה שֶׁיִּסְתּוֹבֵב בְּלֹא כְּלוּם וּבְלֹא מַעַשׂ וְכוּ' וְכוּ', כִּי יוֹדֵעַ שֶׁכַּךְ יִתְפּוֹס אוֹתוֹ בַּבּוֹקֶר שֶׁלֹּא יוּכַל לָקוּם, וִיאַחֵר אֶת זְמַן הַתְּפִלָּה וְכוּ', וְלֹא יִתְפַּלֵּל בְּמִנְיָן", דֶער ס"מ זוּכְט אוֹיפְצוּהַאלְטְן דֶעם מֶענְטְשׁ בַּיינַאכְט עֶר זָאל זַיין בַּאשֶׁעפְטִיגְט בִּיז שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז אוֹיבּ וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ גֵיין שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט וֶועט עֶר אוֹיפְשְׁטֵיין שְׁפֶּעט, אוּן אַזוֹי אַרוּם וֶועט עֶר פַארְפַּאסְן זְמַן תְּפִילָּה אוּן נִישְׁט דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, דֶערִיבֶּער הַאלְט עֶר אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ בַּיינַאכְט עֶר זָאל נִישְׁט גֵיין שְׁלָאפְן, אַלֶעס נָאר וַוייל עֶר ווִיל אִים צוּנֶעמֶען זַיין דַאוֶוענֶען וְכוּ'.

פוּן דֶער אַנְדֶערֶע זַייט שְׁרַייבְּט אִיר מוֹהֲרָא"שׁ: "אַתְּ לֹא צְרִיכָה לִהְיוֹת הַשּׁוֹטֶרֶת שֶׁלּוֹ", דוּ זָאלְסְט נִישְׁט זַיין פַאר אִים זַיין פָּאלִיס-מַאן אוּן נִישְׁט שַׁאפְן אוֹיף אִים, "עִם כָּל זֹאת מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים בְּאִם תְּחַזְּקִי אוֹתוֹ שֶׁיֵּלֵךְ לִישׁוֹן מוּקְדָּם יַחֲסִית וְכוּ', כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לָקוּם לִתְפִלָּה", נָאר זֵיי אִים מְחַזֵּק צוּ גֵיין שְׁלָאפְן פְרִי, אַזוֹי וֶועט עֶר אַלֵיינְס אוֹיפְשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ, "וְזֶה גַּם חִינוּכִי לְהַיְלָדִים שֶׁיִּרְאוּ שֶׁאַבָּא הוֹלֵךְ לְהִתְפַּלֵּל בְּמִנְיָן", דָאס אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר ווִיכְטִיג פַאר דִי חִינוּךְ פוּן דִי קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן זֶען וִוי דֶער טַאטֶע גֵייט אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, דוּרְכְדֶעם וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען.

מוֹהֲרַא"שׁ אִיז אִיר מְחַזֵּק: "וְאֶת גּוֹדֶל הַזְּכוּת שֶׁל הָאִשָּׁה שֶׁמְּחַזֶּקֶת וּמְעוֹדֶדֶת אֶת בַּעֲלָהּ שֶׁיִּתְפַּלֵּל בְּמִנְיָן וְיֵלֵךְ לִלְמוֹד, זֶה אֵין לְתָאֵר וְאֵין לְשַׁעֵר כְּלַל", מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי זְכוּת וָואס אַ פְרוֹי הָאט אוֹיבְן אִין הִימֶל מִיט דֶעם וָואס זִי אִיז מְחַזֵּק אִיר מַאן צוּ דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען, "עַד שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים (בְּרָכוֹת יז.): גְּדוֹלָה הַבְטָחָה שֶׁהִבְטִיחָן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לַנָּשִׁים יוֹתֵר מִן הָאֲנָשִׁים וְכוּ', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעזָאגְט שָׂכָר פַאר דִי פְרוֹיעֶן מֶער וִוי פַאר דִי מֶענֶער, צוּלִיבּ וָואס אִין זֵייעֶר זְכוּת אִיז דָא תּוֹרָה בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל, וַוייל דִי פְרוֹיעֶן שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן וַוארְטְן אָפּ זֵייעֶרֶע מֶענֶער וֶוען זֵיי קוּמֶען אַהֵיים פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה.

דוּ פְרֶעגְסְט 'הַיִתָּכֵן צוּ שְׁרַייבְּן אַזַא שַׁארְפֶע בְּרִיוו וְכוּ''; פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אָנְקוּקְן דֶעם בְּרִיוו אַז דָאס אִיז שַׁארְף וֶוען דָאס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן מִיט אַזַא רַחֲמָנוּת?! אַז מֶען זָאגְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר דַארְף פַארְרֶעכְטְן אִיז דָאס נִישְׁט שַׁארְף, שַׁארְף אִיז וֶוען מֶען זָאגְט פַאר אֵיינֶעם: "דוּ בִּיסְט שׁוֹין פַארְפַאלְן", שַׁארְף אִיז וֶוען מֶען שְׁרַייבְּט: "דַיין דַאוֶוענֶען אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד", "דַיין תּוֹרָה גֵייט פַאר דִי קְלִיפּוֹת", אַז מֶען זָאגְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט צוּ פַארְרֶעכְטְן אִיז דָאס לוֹיטֶער רַחֲמָנוּת.

מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה אִין דֶעם, מֶען זָאגְט נִישְׁט פַאר דִי קִינְדֶער וָואס צוּ טוּן וַוייל מֶען ווִיל זַיין 'גוּטֶע עֶלְטֶערְן'; מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז מִיטְן נִישְׁט זָאגְן וָואס צוּ טוּן וֶוערְט מֶען נִישְׁט קַיין בַּאלִיבְּטֶע עֶלְטֶערְן, מֶען וֶוערְט שְׁלֶעכְטֶע עֶלְטֶערְן. קִינְדֶער הָאבְּן לִיבּ וֶוען מֶען זָאגְט זֵיי וָואס צוּ טוּן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת אַהֲבָה, סִימָן ז): "כְּשֶׁתְּחַזֵּק אֶת הָאָדָם בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, הוּא יֹאהַב אוֹתְךָ", וֶוען דוּ וֶועסְט מְחַזֵּק זַיין אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם וֶועט עֶר דִיךְ לִיבּ הָאבְּן; עֶלְטֶערְן דַארְפְן זָאגְן פַאר קִינְדֶער וָואס צוּ טוּן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אַ רֶבִּי, אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ דַארְף זָאגְן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז עֶס נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא סֵפֶר וָואס אִיז מְחַזֵּק אוּן מְעוֹדֵד אִידִישֶׁע קִינְדֶער וִוי דֶער סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ: "אֲשֶׁר בַּנַּחַל", בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֵיי מְחַזֵּק זַיין אוּן זֵיי צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוער עֶס גֶעווּאוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען אִין דֶעם סֵפֶר דַארְף שׁוֹין נִישְׁט קַיין שׁוּם חִיזּוּק, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַ סֵפֶר וָואס אִיז מְחַזֵּק דֶעם מֶענְטְשׁ וִוי דֶעם סֵפֶר: "אֲשֶׁר בַּנַּחַל".

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' הַאֲזִינוּ תשע"ט)

BreslevCenter.com\answers

# רֶעגְן אִין דִי סוּכָּה

חֲזַ"ל זָאגְן (סוּכָּה כ"ח:) אַז וֶוען ס'רֶעגְנְט אִין דִי סוּכָּה אִיז דָאס צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ קְנֶעכְט וָואס בְּרֶענְגְט וַואסֶער פַאר זַיין הַאר, אוּן דֶער הַאר נֶעמְט דֶעם טֶעפְּל וַואסֶער אוּן גִיסְט עֶס פַאר'ן קְנֶעכְט אִין פָּנִים אַרַיין, עֶר זָאגְט אִים אַז עֶר אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט עֶר זָאל אִים בַּאדִינֶען.

דָאס אִיז לִכְאוֹרָה זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, וֶוען עֶס רֶעגְנְט סוּכּוֹת מֵיינְט דָאס טַאקֶע צוּ זָאגְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אוּנְז פָּשׁוּט אוֹיסְפְרֶעגְן אוּן זָאגְן אַז עֶר דַארְף אוּנְז נִישְׁט הָאבְּן, אַז עֶר דַארְף נִישְׁט הָאבְּן אוּנְזֶערֶע מִצְוֹת? דָאס קֶען דָאךְ נִישְׁט זַיין, עֶס אִיז דָאךְ אַ מִצְוַת עֲשֵׂה דְאוֹרַיְיתָא צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ גַאנְץ יוֹם טוֹב, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְבָרִים ט"ז, ט"ו) "וְהָיִיתָ אַךְ שָׂמֵחַ", וִוי קֶענֶען דִי חֲזַ"ל זָאגְן אַז וֶוען עֶס רֶעגְנְט זָאלְן מִיר וֶוערְן טְרוֹיעֶרִיג אוּן שְׁפִּירְן וִוי אַ קְנֶעכְט וָואס אִיז אָפְּגֶעפַּאטְשְׁט גֶעוָוארְן פוּן זַיין הַאר?

נָאר דִי זַאךְ אִיז אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל זִיךְ אַיינְקוֹיפְן אַ גוּטֶער גֶעטְרֵייעֶר קְנֶעכְט וָואס זָאל אִים גוּט בַּאדִינֶען, מוּז עֶר אִים קוֹדֶם אוֹיסְפְּרוּבִּירְן צוּ זֶען אוֹיבּ עֶר אִיז אַ בַּאגְלֵייבְּטֶער מֶענְטְשׁ. וָואס וֶועט זַיין אוֹיבּ עֶר וֶועט אַרַיינְנֶעמֶען דֶעם קְנֶעכְט צוּ זִיךְ אַהֵיים, דֶער קְנֶעכְט וֶועט זִיךְ אוֹיסְקֶענֶען אִין אַלֶע אוֹצְרוֹת אוּן טֵייעֶרֶע חֲפֵצִים פוּנֶעם בַּאלֶעבָּאס, אוּן אֵיין טָאג וֶועט עֶר זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן אוֹיפְ'ן בַּאלֶעבָּאס אוּן אָפְּטְרָאגְן מִיט זַיין גַאנְצֶע פַארְמֶעגְן?

וָואס טוּט דֶער הַאר? עֶר פְּרוּבִּירְט קוֹדֶם אוֹיס דֶעם קְנֶעכְט צוּ זֶען אוֹיבּ עֶר אִיז טַאקֶע בַּאגְלֵייבְּט, אוֹיבּ עֶר אִיז אִים אִינְגַאנְצְן גֶעטְרֵיי, צוּם בַּיישְׁפִּיל אַז עֶר בֶּעט אִים צוּ בְּרֶענְגֶען וַואסֶער אוּן עֶר וַוארְפְט אִים עֶס צוּרִיק אִין פָּנִים אַרַיין, אוּן אוֹיבּ אִיז דֶער קְנֶעכְט נִישְׁט גֶעטְרֵיי צוּ אִים, וֶועט עֶר זִיךְ זִיכֶער אוֹיפְרֶעגְן אוּן אַנְטְלוֹיפְן פוּנֶעם בַּאלֶעבָּאס, עֶר וֶועט נִישְׁט וֶועלְן בְּלַייבְּן בַּיי אִים, אוֹיבּ אָבֶער אִיז עֶר אַ גֶעטְרֵייעֶר קְנֶעכְט, וָואס אִיז טַאקֶע אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן מִיט'ן גַאנְצְן הַארְץ פַאר'ן בַּאלֶעבָּאס, וֶועט עֶר זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, עֶר וֶועט זִיךְ אָפְּוִוישְׁן דָאס פָּנִים, אִיבֶּערְבֶּעטְן זַיין הַאר, אוּן אִים פְרֶעגְן מִיט וָואס נָאךְ עֶר קֶען אִים בַּאדִינֶען. אוּן דַאן וֶועט דֶער בַּאלֶעבָּאס אִים קֶענֶען אַרַיינְנֶעמֶען רוּאִיגֶערְהֵייט צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען אִינְגַאנְצְן פַארְלָאזְן אוֹיף אִים, עֶר וֵוייסְט אַז עֶר וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן פוּן אִים.

מִיר זֶענֶען יֶעצְט אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם כִּיפּוּר, וָואס דֶעמָאלְט זֶענֶען מִיר גֶעוָוארְן קְנֶעכְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי מִיר זָאגְן (פִּיּוּט "לְבוֹחֵן לְבָבוֹת") "לְצוֹפֶה נִסְתָּרוֹת בְּיוֹם דִּין, לְקוֹנֶה עֲבָדָיו בַּדִּין", מִיר הָאבְּן גֶענוּמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אוּנְזֶער הַאר, אוּן מִיר ווִילְן זַיין אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶע קְנֶעכְט פַאר אִים. דֶערְפַאר וֶוען עֶס קוּמְט נָאכְדֶעם דֶער יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, וִויל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז אוֹיסְפְּרוּבִּירְן אוֹיבּ מִיר זֶענֶען טַאקֶע גֶעטְרֵיי צוּ אִים, אוֹיבּ מִיר וֶועלְן נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן פוּן אִים, אוֹיבּ עֶר קֶען אוּנְז טַאקֶע מְקָרֵב זַיין צוּ זִיךְ אוּן אוּנְז גֶעבְּן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, וִויסְנְדִיג אַז מִיר וֶועלְן אִים סַיי וִוי קֵיינְמָאל נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן ע"ו) אַז וֶוען אַ אִיד הוֹיבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "אִיךְ וֵוייס טַאקֶע אַז יֶעצְט ווִילְסְטוּ מִיר דִינֶען, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אָבֶער זַיין פַארְזִיכֶערְט אַז מָארְגְן וֶועסְטוּ מִיר נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף דִיר אוּן דִיר יֶעצְט שׁוֹין מְקָרֵב זַיין אוּן דִיר אוֹיסְזָאגְן אַלֶע מֵיינֶע סוֹדוֹת? נָאר קוֹדֶם זָאלְסְטוּ מִיר לִיבּ הָאבְּן אוּן טוּן דִי מִצְוֹת אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט עֶס נִישְׁט אוּן דוּ שְׁפִּירְסְט נִישְׁט קַיין טַעַם דֶערִין, דוּ זָאלְסְט מִיר דִינֶען פָּשׁוּט'עֶרְהֵייט אָן קַיין חָכְמוֹת, אוּן וֶוען אִיךְ וֶועל זֶען וִוי דוּ בִּיסְט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר מִיר פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, דַאן וֶועל אִיךְ זִיךְ שׁוֹין קֶענֶען פַארְלָאזְן אוֹיף דִיר אוּן דִיר אוֹיסְזָאגְן אַלֶע סוֹדוֹת, אִיךְ וֶועל דִיר שׁוֹין קֶענֶען גֶעבְּן צוּ שְׁפִּירְן דֶעם רִיכְטִיגְן זִיסְן טַעַם פוּן יֶעדֶע זַאךְ, אִיךְ וֶועל דִיר שׁוֹין קֶענֶען מְקָרֵב זַיין צוּ מִיר מִיט אַ לִיבְּשַׁאפְט, וַוייל אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט מִיר גֶעדִינְט אַזוֹי לַאנְג אָן קַיין טַעַם, וֵוייס אִיךְ אַז דוּ וֶועסְט מִיר שׁוֹין נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן".

דֶערְפַאר מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז ס'זָאל רֶעגְנֶען צוּמָאל אוּם סוּכּוֹת, אוּן מִיט דֶעם פְּרוּבִּירְט אוּנְז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אוֹיס צוּ זֶען אוֹיבּ מִיר זֶענֶען טַאקֶע גֶעטְרֵייעֶ קְנֶעכְט פַאר אִים. אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן אוּן זַיין בְּרוֹגֶז אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְוָואס עֶס רֶעגְנְט אִין דִי סוּכָּה, עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעמוּטְשֶׁעט אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן דִי סוּכָּה, אוֹיפְצוּהֶענְגֶען שֵׁיינֶע נוֹי סוּכָּה, אוּן יֶעצְט וֶוערְט אַלֶעס חָרוּב, אַלֶעס וֶוערְט נַאס אוּן ס'גֵייט צוּגְרִינְד, אוּן אַזוֹי גֵייט עֶר אַרוֹיס פוּן דִי סוּכָּה אִינְגַאנְצְן טְרוֹיעֶרִיג אוּן אוֹיפְגֶערֶעגְט.

אַ אִיד וָואס אִיז אָבֶער אֱמֶת'דִיג גֶעטְרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים לִיבּ אוּן מֵיינְט זִיכֶער נָאר זַיין טוֹבָה, עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אִים נָאר אוֹיסְפְּרוּבִּירְן אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט אַזוֹי גוּט, אַזַא אִיד וֶועט נִישְׁט וֶוערְן אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן בְּרוֹגֶז אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר וֶועט פְּרוּבִּירְן זִיךְ הַאלְטְן פְרֵיילִיךְ מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט יָא; אֲפִילוּ עֶר קֶען טַאקֶע נִישְׁט עֶסְן אִין דִי סוּכָּה, קֶען עֶר כָאטְשׁ טוּן דִי אִיבְּרִיגֶע מִצְוֹת פוּנֶעם יוֹם טוֹב, עֶר שָׁאקְלְט לוּלָב, עֶר דַאוֶוענְט אוּן לֶערְנְט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער פְּרוּבִּירְט עֶר אַרַיינְצוּכַאפְּן גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר קֶען, אוּן מִיט דֶעם וַוייזְט עֶר אַז עֶר אִיז טַאקֶע אַ גֶעטְרֵייעֶר מֶענְטְשׁ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טַאקֶע מְקָרֵב זַיין צוּ זִיךְ אוּן אִים וַוייזְן אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אַ אִיד, וֶוען עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ זַאכְן וָואס זֶענֶען אִים נִישְׁט צוּם הַארְץ, עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, דַארְף דֶער אִיד שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אִים נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אִים נִישְׁט רוֹדְפְ'ן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אִים נָאר אוֹיסְפְּרוּבִּירְן צוּ זֶען אוֹיבּ עֶר אִיז גֶעטְרֵיי צוּ אִים, אוֹיבּ עֶר וֶועט אִים נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן אֲפִילוּ וֶוען זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר וִויל, פַארְקֶערְט, דֶער אִיד וֶועט נָאךְ מֶער קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶע זַיינֶע שְׁוֶועריקַייטְן, אוּן אִים בֶּעטְן אַז עֶר זָאל אִים שׁוֹין רַאטֶעוֶוען אוּן אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זַיין צָרָה, אוּן דַאן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים, עֶר וֶועט אִים הֶעלְפְן אִין זַיין נוֹיט, אוּן עֶר וֶועט אִים שִׁיקְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר דַארְף.

# ביהמ"ד היכל הקודש ברסלב

נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

27 Skillman St.

## זמני תפלה לחג הסוכות

### סוכות

שחרית יום א' וב' בשעה........10:00
מנחה יום א' וב' בשעה........7:30

***

### חול המועד סוכות

שחרית בכל יום בשעה........10:00
מנחה מעריב בשעה........7:30

***

### מיטוואך נאכט חול המועד
### סעודת הילולת רבינו ז"ל

בשעה........אחר מעריב

***

### שבת חול המועד

מנחה וקבלת שבת........6:45
שחרית........9:00
מנחה ושלש סעודות........6:45

***

### הושענא רבה

ליינען משנה תורה...מוצ"ש נאך מעריב
שחרית בשעה........9:30

***

### שמיני עצרת

שחרית בשעה........10:00
מנחה בשעה........6:45
דערנאך זיך געזעגענען פון די סוכה

***

### שמחת תורה

שחרית בשעה........9:00
מנחה בשעה........6:45

**א פרייליכן יום טוב - הגבאים**

# ביהמ"ד היכל הקודש ברסלב

נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

27 Skillman St.

## תאו ואתכנשו

**הננו מודיעים לכל אנשי שלומינו שיתקיים אי"ה**

## סעודת הילולא רבתי של רבינו ז"ל

**מיטוואך נאכט חול המועד נאך מעריב**

**אושפיזא דמשה רעיא מהימנא**

**בהסוכה שעל יד בית מדרשינו**

**הגבאים**

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **ברוך יאקאבאוויטש הי"ו**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון די קינדער געזונטערהייט

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

הבחור **דוד ניישטיין נ"י**

**צו זיין שמחת בר מצוה למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל האבן א גליקליך לעבן מיט'ן אייבערשטן, עס זאל אים שטענדיג גיין גוט אין אלע זיינע וועגן

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

החתן **חיים יוסף ראזענבערג הי"ו**

**וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קיימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידו"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**


**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; און נאך < 212-444-9191 /**
845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361
**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**



הגליון נתנדב לזכות יחזקאל בן רחל פיגא, וזו' הענדיל בת שיינדל, ובנם נחמן נתן